# דעם רבינ'ס ליכט

ויצא תשפ"ב
גליון 67



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין**
**וואס דאָ האָט זיך געטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן לעכטיגן שבת פאַר אַלע טייערע קינדער**

אין די וואָכעדיגע פּרשה לערנען מיר וויאַזוי יעקב אָבינוּ איז אָנגעקומען צום היילגן באַרג דאָרט וואו עס גייט געבויט ווערן דאס בית המקדש, דער פּלאַץ פונעם אבן שתיה. ר' נתן איז מסביר אויפן פּסוק **וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא** אַז יעקב אָבינוּ איז איינגעשלאָפן אויף דעם פּלאַץ. דאס איז מרמז אַז יעקב אָבינוּ האָט געזען ברוח קדשו וויאַזוי עס וועט אויסקוקן אין גלות, אַז דער ענין פון תּפלה און דאַווענען צום אויבערשטן וועט זיין זייער אָראָפּגעפאַלן, עס וועט זיין זייער שווער צו עפענען דאס מויל און רעדן צום באַשעפער. זיך אויפצוהייבן און באַנייען צו דאַווענען ווי עס דאַרף צו זיין.

ווער איז שולדיג אין דעם? זאָגט ר' נתן אַז ניִשט קיין אַנדערער נאָר דער סמך מם אַליין. ווען אַ אידיש קינד שטעלט זיך דאַווענען פאַדרייט ער די קאָפּ מיט אַלע מיני דמיונות. פון דעם געשעט אַז אַסאַך קינדער און בחורים זענען זיך מייאש צו דאַווענען בכוונה, און דאַווענען נאָר מיט די מויל, אָן כוונת הלב. ווייל זיי מיינען אַז זיי קענען זיך ניִשט שטאַרקן אַנטקעגן די אַלע מחשבות וואס קומען אַריין אין קאָפּ ווי נאָר מען עפנט דעם סדור.

דעריבער איז יעקב אָבינוּ אַריין אין אַ שלאָף 'בַּמָּקוֹם הַהוּא' דאס מיינט מען די 'היינטיגע גלות' די פאַרשלאָפענע דאַווענען. האָט יעקב אָבינוּ פאַרשטאַנען אַז די עצה דערויף איז נאָר צו נוצן זיין מדה וואס איז "אֱמֶת". אַז מען זאָל זאָגן די ווערטער פון דאַווענען מיט אמת. דאַווענען פון אָנהייב סדור פאַמעליך צושטאַטליך, און זיך צוהערן צו די ווערטער וואס מען זאָגט אַרויס פון מויל אַזוי ווי אַ קליין קינד דאַוונט מיט אַן אמת. נאָך אַן עצה שרייבט דער רבי אין די תּורה, אַז מען זאָל נעמען איין קליין שטיקל פונעם דאַווענען, און דאָרט אַריינלייגן אַלע כוחות צו דאַווענען מיט כוונה, און נאָכדעם קען מען נעמען נאָך אַ שטיקעלע, ווייל פון אָנהייב איז שווער צו אונזין האָבן דאס גאַנצע דאַווענען, אָבער אַביסעלע קען מען יאָ דאַווענען מיט כוונה.

דעריבער 'וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה' "סֻלָּם" איז בגימטריא "קול" די בחינה פון 'קול קול יעקב' דאס מיינט אַז אפילו דיינע ווערטער פון דאַווענען ליגט אין דער ערד אין זייער אַ נידעריגע פּלאַץ, אַזוי ווי עס שטייט **אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח**, מיט דעם אַלעם, "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", גלייך ווען מען רעדט מיט אמת, הייבט אַן ווערן ליכטיג און מ'קומט אָן ביזן הימל, דאס הייסט די תּפלה דערגרייכט גאָר הויך אויף אַזוי ווייט אַז אפילו די מלאכים און אַלע אויבערשטע עולמות קענען אַרויף גיין העכער און העכער דורך אונזערע תּפלות (ליקוטי הלכות חנוכה ו').




דער אייבערשטער זאָל אונז טאַקע העלפן מיר זאָלן זיך באַנייען מיט אַן אמת, און אָנהייבן דאַווענען מיט אַ פרישקייט און מיט אַ הויך קול, ביז מען וועט זוכה זיך צו קענען אַרויפגיין אויפן לייטער העכער און העכער, און אפילו אויב מען פאַלט חס ושלום אַראָפּ פונעם לייטער זאָל מען זיך דראַפּענען און נאָכאַמאָל אַרויפגיין. אונזערע תּפלות זאָלן דערגרייכן דעם שער השמים, און מעורר זיין די גאולה שלמה בקרוב.

# א שמועס מיט'ן זיידן




**יַענְקֶעלֶע:** זֵיידִי, אִיךְ דַאנְק דִיר זֵיידִי, אַה, אִיךְ דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא טַייעֶרער זֵיידֶע. נָאכְן שְׁמוּעֶס לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַזוֹיפִיל יְשׁוּעוֹת אִין זְכוּת פוּן דַאנְקְן, דִי גַאנְצֶע בְּלִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט זִיךְ מִיר גֶעבִּיטְן.

**זֵיידֶע:** זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְצַיילְן וֶועגְן דִי יְשׁוּעוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט, יֶעצְט קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה מ"ז חלק ב') אַז נָאכְן רֶעדְן פוּן יְשׁוּעוֹת יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען שׁוֹין זָאגְן תּוֹרָה.

**זֵיידֶע:** אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָסִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פַארְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן וֶועגְן זַיין פַּרְנָסָה. דֶער חָסִיד אִיז גֶעוֶוען אַ חַלְפָּן, דָאס מֵיינְט אֵיינֶער וָואס בַּייט אִיבֶּער גֶעלְט, [אִין אַמֶעריקֶע וֵוייסְט מֶען אֶפְשָׁר נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אִין דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען קוּמְט אִין לוּפְטְפֶעלְד אַזוֹי אוֹיךְ אִין דִי אַסַאךְ שְׁטֶעט זֶעט מֶען אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער, וואוּ מֶען טוֹישְׁט דָאלַארְן אוֹיף דִי אָרְטִיגֶע גֶעלְט וָואס מֶען נִיצְט אִין דֶעם גֶעוִויסְן לַאנְד] דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פַּרְנָסָה פוּן דֶעם חָסִיד, עֶר פְּלֶעגְט שְׁטֵיין אִין גַאס אַ גַאנְצְן טָאג אוּן גֶעפְרֶעגְט אַלֶע דוּרְכְגֵייעֶר: וָואס וִוילְסְטוּ בַּייטְן? וָואס טוֹישְׁטוּ? דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן אַ גַאנְצְן טָאג. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט דָאךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דַיינֶע וֶוערְטֶער צוּ אַ תְּפִלָּה" גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי פַאר דִי גֵייסְט אַרוֹיס צוּ דֶער אַרְבֶּעט, בֶּעט אַ קְלֵיין תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט טוֹישְׁן פוּן רַע צוּ טוֹב, פַארְוָואס זָאל אִיךְ מֵיינֶען אַז שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן זֶענֶען גוּט".**

זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַ גַאנְצְן טָאג, בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בְּשַׁעַת דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן גַאס: "וָואס טוֹישְׁטוּ? וָואס וִוילְסְטוּ בַּייטְן? אַלֶע דוּרְכְגֵייעֶר וֶועלְן הֶערְן דִי שְׁאֵלָה: וָואס טוֹישְׁטוּ? וָואס וִוילְסְטוּ בַּייטְן?" אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶועסְטוּ דָאס רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אַזוֹי וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז אַ גַאנְצְן טָאג, וֶועסְטוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**יַענְקֶעלֶע:** זֵיידִי אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט מִיר פַארְצֵיילְט, אִיךְ הָאבּ דָאס קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט. אָבֶּער אֵיין זַאךְ זֵיידִי, אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט! גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא גוּטֶע חֵדֶר אוּן אַזַא פַיינֶע רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט מִיר תּוֹרָה אַ גַאנְצְן טָאג, וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ נִיצְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פַאר מִיר?

**זֵיידֶע:** יַענְקֶעלֶע אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ מַעֲשֶׂה נֶעמְסְטוּ דָאס אַרַיין אִין הַארְץ אוּן דוּ מַאכְסְטוּ פוּן דֶעם דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע, דוּ וֶועסְט נָאךְ אִין דֶעם זְכוּת וַואקְסְן אַ עֶרְלִיכֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף. לָאמִיר טְרַאכְטְן צוּזַאמֶען, וואוּ קֶענְסְטוּ טַאקֶע

## א שמועס מיט'ן זיידן

נִיצְן דִי עֵצָה אִין חֵדֶר?

**יַעַנְקֶעלֶע:** הֶע.... הֶע... אִיךְ מַיין אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס.... קוֹדֶם אִין עֶס־זַאל, אִין חֵדֶר, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְדֶערְהֵיים ווֶען אִיךְ ווֶעל בֶּעטְן אֵיינֶער זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען עֶסְן, קֶען אִיךְ לְמָשָׁל זָאגְן: "אִיךְ דַארְף נָאךְ אַ בְּרוֹיט, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט?" אָבֶּער בֶּאֱמֶת ווֶעל אִיךְ דָאס בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל נָאךְ אַ בְּרוֹיט!"

**זֵיידִי:** דוּ בִּיסְט אַ לֶעכְטִיגֶער אִינְגְל, מַמָּשׁ ווִי דֶער תָּם פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת! דַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פִּיבֶּערְן צוּ קֶענֶען נָאנְט ווֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. יַעַנְקֶעלֶע, ר' נָתָן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶערוּפְן: "פַּארְווָאס גֵייט מִיר דִי עֲבוֹדַת ה' אַזוֹי גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמִירְט, ווַייל אִין מַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס מֵיינְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אָן תְּפִלָּה.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



**נָתָ'לֶע, פַּארְצֵייל אוּנְז אַבִּיסְל אִיבֶּער דַיין יוּגְנְט, ווֶער זֶענֶען גֶעווֶען דַיינֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲבֵרִים?**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲבֵרִים, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעווֶען מַיין אֵיינְצִיגֶער אֱמֶת'ֶער חָבֵר!

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיין מָאל ווֶען הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין טַאטְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ וואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעווָאלְט הָאבְּן, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר אָפְּן מִיט מִיר, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט זַיין בֶּערְזְל אוּן מִיר גֶעווִיזְן אַז זַיין בֶּערְזְל אִיז לֵיידִיג... "רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים ווֶעסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע" הָאט עֶר מִיר פַּארְגֶעשְׁלָאגְן. (אֶפְשָׁר הַיינְטִיגֶע צֵייטְן הָאט מֶען מוֹרָא צוּ ווַייזְן פַאר קִינְדֶער אַ לֵיידִיגֶע בֶּערְזְל, ווַייל דִי קִינְדֶער ווֶעלְן חַס וְשָׁלוֹם מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען אָרִים, אָבֶּער מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט, ווַייל מִיר הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מִיר הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז מִיר זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירִים!!)

אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן שִׁבְחֵי הָרַ"ן פְּלֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע פַּארְצֵיילְן, ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ נָאר גֶעדַאווְנְט אוּן גֶעווֵיינְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר רֶעדְן צוּ מִיר אַסַאךְ ווֶעגְן אוּמַאן, דִי בֶּענְקְשַׁאפְט אִין מְסִירוּת נֶפֶשׁ ווָאס בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים פְּלֶעגְן הָאבְּן דָארְט אָנְצוּקוּמֶען.

אִיךְ פְּלֶעג הֶערְן פוּן מַיין טַאטְן ווָאס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווֶען עֶר אִיז גֶעווֶען דָארְט אַלְץ בָּחוּר, דִי חֲשׁוּבֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע זְקֵנִים ווִי ר' לֵוִי יִצְחָק'ס תְּמִימוּת אוּן עֶרְנְסְקַייט, ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא'ס דַאוֶוענֶען אִין מִירוֹן אוּן אַזוֹי ווַייטֶער אַלֶע חֲשׁוּבֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ.

אִיךְ דֶערמַאן זִיךְ ווֶען עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט ווֶעגְן אַ חָשׁוּבְ'ן אִיד ווָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן חוּץ לָאָרֶץ ווּאוּינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן דֶער יְרוּשַׁלַיִמֶ'ער לְבוּשׁ. אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קִינְדֶער אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז ווֶען מֶען דַאוְונְט תְּפִלָּה בְּכֹחַ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, פְּלֶעגְט עֶר דַאוֶוענֶען מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת אוּן פְּלֶעגְט צוּמָאל מַאכְן זִיבֶּעצִיג קוֹלוֹת (עַיֵּן קָלִין), אוֹי, אוֹי, יֶעדֶע קֶרֶעכְץ אִיז גֶעווֶען אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפְן הַארְץ.

6:30 אִינְדֶערְפְרִי פְּלֶעג אִיךְ גֵיין אִין חֵדֶר - ווֶען דָאס גֶעיֶעג פוּן טָאג הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן, אַלֶע לוֹיפְן שׁוֹין אַרְבֶּעטְן, גוֹיִם אוּן לְהַבְדִּיל אִידְן, - שְׁפַּאצִירְנְדִיג צוּם חֵדֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבִּישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט אַלֶעס ווָאס טוּט זִיךְ אַרוּם מִיר, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַיין פְּרִיוַואטְן שְׁמוּעֶס מִיט'ן טַאטְן אִין הִימְל, ווָאס הָאט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ!

»

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די עלעפטע מעשה (1)
## דער בן המלך און בן השפחה

לגאומיר זיך פאר הערן



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

02-5-3333-72

646-518-1095

1-518-329-9149

**א. שאלה בונוס: ווען האט דער הייליגער רבי דערציילט די מעשה וואס מיר הייבן יעצט אן?**
- ❑ נאך פורים יאר תקס"ט
- ❑ פאר פורים יאר תקס"ט
- ❑ מוצש"ק פרשת נח יאר תק"ע

(זעה חיי מוהר"ן אות ס"א)

**ב. ווער האט פארביטן די קינדער?**
- ❑ עפעס א דינסט
- ❑ די דינסט וואס האט געבוירן
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ג. צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן המלך?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן השפחה?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ צו א אנדערע נימוס

**ה. ווער האט אויסגעזאגט די סוד אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ די באדינער פון קעניג
- ❑ די דינסט
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ו. ווי אזוי איז ארויס די סוד אויף דער וועלט?**
- ❑ מ'האט עס מפרסם געווען אין די צייטונגען
- ❑ איינער האט געזאגט פאר'ן אנדערין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. פארוואס טאר דער מלך נישט געוואר ווערן אז מ'האט פארביטן?**
- ❑ ווייל ער קען שטארבן פון צער
- ❑ ווייל דער קעניג וועט באשטראפן דער וואס האט זיי פארביטן
- ❑ ווייל ער קען דאס נישט פאררעכטן

**ח. פארוועמען נאך האט מען דערציילט אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פאר'ן קעניג

**ט. פארוועם האט דער בן המלך געטאן שפיצלעך?**
- ❑ פאר'ן אמת'ן בן המלך
- ❑ פאר דער טאטע פון אמת'ן בן השפחה
- ❑ פאר די שפחה

**י. ווער האט איבער גענומען די מלוכה נאכדעם וואס דער קעניג איז געשטארבן?**
- ❑ דער אמת'ער בן המלך
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א זון פון א אנדערער קעניג

**יא. ווער האט דערציילט פארן אמת'ן בן המלך די גאנצע מעשה?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ די שפחה
- ❑ דער טאטע פון אמת'ער בן השפחה

**יב. פארוואס האט דער טאטע פון בן השפחה רחמנות אויף דער אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל אפשר איז ער זיין זוהן און א טאטע האט רחמנות אויף א קינד
- ❑ ווייל אויב איז ער נישט זיין זוהן, וויל מען אים אויסרייסן אימזיסט, איז אודאי א רחמנות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן?**
- ❑ ער איז אוועק פון די מדינה
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ
- ❑ ער האט זיך באהאלטן אין א גרוב

**יד. וואס האט פארדראסן פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל דער אמת'ער בן השפחה איז דער קעניג
- ❑ ווייל ער איז פארטריבן געווארן אימזיסט
- ❑ ווייל זיין טאטע האט אים נישט געהאלפן

**טו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן נאכדעם?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן צו לערינען תורה אין א באהאלטעניש
- ❑ ער האט אנגהויבן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ ער האט זיך גענומען צום טרונק

**טז. וואס נאך לערנסטו ארויס פון די מעשה וואס ווערט געברענגט אין חיי מוהר"ן אות ס"א?**
- ❑ ווי יעדע ווארט אין די מעשה איז מדיוק
- ❑ די ציל פון די פארהער צו מדייק זיין אין יעדע ווארט פון די מעשיות
- ❑ ________________________________.

### מיין מעשה'לע המשך

אויפְן טִישְׁל נֶעבְּן מַיין בֶּעט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶער לָאמְפּ, אִיךְ פְּלֶעג דָאס אָנְצִינְדְן, אוּן זִיךְ צוּדֶעקְן מִיט דִי דָאכֶענֶע אַז מַיין מַאמֶע זָאל נִישְׁט זֶען אַז אִיךְ זָאג 'לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת' וֶוען טְרֶערְן פוּן מַיינֶע אוֹיגְן פְלִיסְן, פוּן ר' נָתְנְ'ס זִיסֶע בַּקָשׁוֹת וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְן גֶעוָוארְן פַאר יֶעדְן אִיד, פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ פַאר אַלְטֶע זֵיידֶעס.

וֶוען אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן בְּרֶסְלֶב?

פוּן וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס פְלֶעגְט גֵיין מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִין דִי גֶעגְנְט ווּאוּ אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוֹינְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צִימֶער ווּאוּ עֶס פְּלֶעגְן לִיגְן דָארְט הוֹיפֶענֶעס מִיט פִּישְׁקֶעס, אִיךְ - נָאךְ גָאר אַ קְלֵיין קִינְד - בִּין גֶעזֶעצְן צְוִוישְׁן דִי פִּישְׁקֶעס סְפָרִים אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת! אִיךְ הָאבּ גֶעמוּטְשֶׁעט מַיין טַאטְן (נָא, נָא... מֶען טָאר נִישְׁט מוּטְשֶׁענֶען אַ טַאטֶע...) אַז אִיךְ וִויל אַ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אֵיין סֵפֶר אוּן מִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה.

דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר פְּלֶעגְן לַאכְן פוּן דִיר?

גְרַאדֶע נִישְׁט, אִיךְ פְּלֶעג פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין חֵדֶר וֶוען אִיךְ פְלֶעג אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר מַיינֶע חֲבֵרִים נִגוּנִים פוּן בְּרֶסְלֶב, "שִׂמְחָה אִיז אַ גְאוּלָה", "קֵיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען" "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין". בִּיז הַיינְט וֶוען אִיךְ טְרֶעף מַיינֶע אַמָאלִיגֶע חֲבֵרִים פוּן חֵדֶר, דֶערְמַאנֶען זֵיי מִיר דִי נִגוּנִים מִיט אַן אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶעם שְׁמֵייכְל אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים.

אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ קֶענֶען בעז"ה מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט מַיינֶע זִכְרוֹנוֹת, יֶעצְט דַארְף אִיךְ לוֹיפְן זָאגְן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת...